די רויטע וועלט № 12, 1926, 114-108

**פּ. שאַמעס**

# דער נײַער גראַם אין אידישן פערז*)

(באַאָבאַכטונגען איבער דער אידישער דיכטונג אין ראַטנפאַרבאַנד)

קנאַפּע צען יאָר — און אונזער פּערזוואָרט האָט דערגרייכט צו טעמאַטישער סיף און פאָרמעלער שטייפקייט. ס'איז קימאַט אַ קלאַל געוואָרן, אַז ערנסטע פּערזקולטור דאַרף בײַ אונז גערעכנט ווערן פון שוואַרצמאַנען אָן. אָבער שוין פון שוואַרצמאַנס פּערזטעכניק ביז דער פּערזטעכניק פון האָפשטיין און ווײַטער ביז קושנירוו, פינינבערג, פעפער, כאַריק און אַנדערע ליגט אַ פּילאַרטיק-באַשטענדיקער וועג. פון דער סילאַביש-טאָנישער פּערזסיסטעם, פון דער אײַנגעשלאָסענער, ענגער סטראָפע, דורך דער פאַרשיידנצאַליקער פּערז-שורע (אויך נאָך אַ סילאַביש-טאָנישע) אין אַ רואינירטער סטראָפע צו דער ריין-טאָנישער פּערז-סיסטעם גייט דער וועג פון דער מעטריק און ריטמיק פון שוואַרצמאַנען דורך האָפשטיינען ביז די יונגסטע אונזערע.

אײַנצײַטיק מיט דער אַרבעט איבער מעטריק און ריטמיק האָבן זיך אונזערע פּאָעטן סוי גע־מיט איבער דער אייפאָנישער רײַכקייט — דער אינעווייניקסטער מוזיקאַלער אויסגעקריסטאַליזירטקייט פון ליד. אויך דער גראַם, אַלס באַשטימטער אייפאָנישער עלעמענט, האָט געמוזט ווענדן אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט. אַף דעם געביט איז דורכגעמאַכט געוואָרן אַ געוויסע אַרבעט, און מיר זײַנען געקומען צו אַ גרויסער אָנווענדונג פון אַ נײַער גראַם-פאָרם — צום אַזוי גערופענעם ניטפּינקטלעכן גראַם.

דער גראַם איז דער מיטקלאַנג פון די באַטאָנטע וואָקאַלן און אַלע וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן, וואָס פאָלגן נאָך אים. אַזוי האָט געלערנט די פריערדיקע פּאָעטיק. לויט אָט-דער באַשטימונג איז פאַרן פּאָעט וויכטיק, אַז יעדער קלאַנג, וואָס פאָלגט אַף לינקס (אין אַנדערע שפּראַכן — אַף רעכטס) נאָכן באַטאָנטן וואָקאַל, זאָל צונויפפאַלן אין ביידע ריפמירטע ווערטער. די הײַנטיקע פּאָעטיק האָט באַצייכנט דעם מין גראַם מיטן נאָמען פּינקטלעכער גראַם (וועלט — קעלט; שפּרינגען — רינגען; טויערן — לויערן).

נאָר אַן אַנדער זאַך איז דער ניטפּינקטלעכער גראַם. דאָס פּינקטלעכע צונויפפאַלן פון די אומבאַטאָנטע קלאַנגען איז פאַר אָט-דעם מין גראַם ניט אָבליגאַטאָריש. די שלוס-קלאַנגען ווערן אַזוי צוגעקליבן, אַז ס'בלײַבט בלויז דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פון ענלעכקייט (צוויי — גיין; באַגראָבן — גראַבנס; זילבן — זילבער).

דער ניטפּינקטלעכער גראַם איז, אייגנטלעך, אַ מין רעמאַזעדיקער איבערקלאַנג, אָפט — אַ מין ווײַטער איבערהילך פון צוויי ווערטער, אַזאַ איז ער באַזונדערס אין זײַן קאָמפּליצירטער פאָרם.

---

*) איך געפין פאַר נייטיק אויסדריקן מײַן טיפן דאַנק דעם ח' האָפשטיין, וועלכער האָט מיר מיטגעהאָלפן מיט זײַנע זייער וויכטיקע אָנווײַזונגען.

פּ. ש.

דער רוסישער געלערנטער — זשירמונסקי אונטערשיידט פיר אַרטן פון ניטפינקטלעכן גראַם [1]:

1. באַ איינע און דיזעלבע באַטאָנטע וואָקאַלן פאַלן ניט צונויף די שלוס-קאָנסאָנאַנטן — אַסאָנאַנס: גלעקער — שטרעקעס, ביל — הילף.

2. באַ איינע און דיזעלבע שלוס-קאָנסאָנאַנטן זיינען די באַטאָנטע וואָקאַלן פאַרשידן — קאָנסאָנאַנס: וואַנט — הענט; העלד — וואַלד.

3. די צאָלן טראַפן אין יעדער איינעם פון די ריפמירטע ווערטער איז פאַרשידן — פאַרשיידנטראַפיקע גראַמען: לויערן — טויער.

4. דער טראָפ אין יעדער איינעם פון די ריפמירטע ווערטער פאַלט אַף פאַרשידענע ערטער — פאַרשטיידנטראָפיקע גראַמען.

פון די פיר קאַטעגאָריעס איז אַמיינסטן פאַרשפּרייט דער אַסאָנאַנס. ניט נאָר באַ די מאָדערנע פאָעטן געפינט ער זיין בעקוועמלעך אָרט, אויך די פאָלק-פאָעזיע נוצט אים אויס אַפן ברייטסטן אויפן. אייגנטלעך, צום ערשטן טרעפט ער זיך דאָרט [2]. אויך אין אונזער פאָלק-ליד, וואָס אָפעריר, דעריקער, מיטן פולן פינקטלעכער גראַם, איז ער וויים ניט-זעלטן.

אַ פּאָר ביישפּילן: שטייגן — בלייבן; זייד — געצייג; אַוועק — פּאָרטרעט; זאָך — נאַכט; האַלז — פאַלש [3].

באַ די מאָדערנע פאָעטן ווערט דער נייער גראַם קאַנאָניזירט. אין דער רוסישער פאָעזיע ציט ער זיין פאָדים פון דערזשאַווינען דורך אַלעקסיי טאָלסטאָי און וואַלערי בריוסאָוו צו אַלעקסאַנדער בלאָק, וועלכער קאַנאָניזירט אים און גיט אים איבער ווייטער מאַיאַקאָווסקין, פּאַסטערנאַקן, אסעיעוון, יעסענינען אַף שלייפן און טאָקן, אַף טיפערן און פילאַרטיק וואַריירן.

די דייטשע סימוואָליסטן האָבן קולטיווירט דעם קלאַסישן קאַנאָן — דעם פינקטלעכן גראַם. די מאָדערנע דייטשע ליריקער, די עקספּרעסיאָניסטן, שטרעבן, לעהייפּעך, דעקאַנאָניזירן דעם פינקטלעכן גראַם, אויב פולע פון זיי אָפּערירן נאָך אַלץ מיטן אַלטן גראַם, עקספּערימענטירט שוין בעכער, און ניט דער אייבציקער ער, און באַקומט נאָך גלונגענע רעזולטאַטן. נאָך מער, ער פאַרצייכנט שוין א פילצאָליקע ריי אַסאָנאַנס-וואַריאַציעס.

די נייע אידישע ליריק, וואָס האָט, ביכלאַל, האַסטיק געביטן פאַר די לעצטע יאָרן אירע פאָרמען, ווייט ניט אָן דער ווירקונג פון דער מאָדערנער רוסישער דיכטונג, האָט אויך אַריינגעפירט דעם נייעם גראַם. פאַר קושניראָווין, אַ שטייגער, איז דער אַסאָנאַנס — מע מעג עס מיט פולער רעכט זאָגן — דער איינציקער גראַם-מיטל. זיין אַסאָנאַנס רייצט מיט נייער אומגעריכטער פרישקייט, וואונדערט מיט פלוצלימדיקן אפהילך, אָפט מיט דיסאָנירנדיקן איבערקלאַנג, שטענדיק מיט פילאַרטיקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט. אויך פאַר פינינבערגן איז דער נייער גראַם געוואָרן דער שטאָף פון רייך - מוזיקאַלער קאָנסטרואירונג. ביכלאַל, באַ יעדער איינעם פון אונזערע יונגע דיכטער שטויסט מען זיך אָן אַף א באַדייטנדיקער, אדער אן איבערוואַרגנדיקער צאָל ניטפינקטלעכע גראַמען. דער נייער גראַם איז אין אונזער פערזוואָרט קאַנאָניזירט געוואָרן.

ס'איז איצט פרי שרייבן די געשיכטע פונם אַסאָנאַנס אין אונזער פערזוואָרט. אַף אונזערע אויגן איז ער דאָך אַריינגעפירט געוואָרן. פאָרט לאָזט זיך וועגן דעם עפּעס וואָס באַמערקן.

---

1) ז. 73 .B. Жирмунский. Рифма, ее история и теория. Academia Петербург 1923

2) פון Remy de Gourmsnt'o בוך L'esthefinqe de la lanque francaise איז צו זען, וואָס פאַר א צוזאַמענבונד איז פאַ אַן צווישן דער פערז-פראַקטיק פון די פראַנצויזישע סימבאָליסטן און דעם אַסאָנאַנס פון דער פאָלק-ליד.

3) אַלע ביישפּילן זיינען גענומען בא גינזבורג און מאַרעק.

כוץ איינציקע, געציילטע אויסנאַמען, איז אָשער שוואַרצמאַנס גראַם, פּונקט ווי דער גראַם פון אונזער פריערדיקער ליריק, דער אויסגעהאַלטן - פינקטלעכער גראַם. דער ערשטער באַ וועמען מיר טרעפן דעם אַסאָנאַנס ניט אַלס עקספּערימענטאַטאָרישער פרואוו, נאָר אַלס אָרגאַנישער געוויינלעכער גראַם - מיטל איז, בעליסאָפעק, דאָוויד האָפשטיין. די לידער, וואָס זיינען געדרוקט אין ערשטן „אייגנס" מערקן אָן, עמעס געציילטע, אָבער פּאָרט אַסאָנאַנסן. „באַ וועגן" און „רויטע בליסן" ברענגען אַ גרעסערע צאָל אַסאָנאַנסן, און וואָס ס'איז אַסאַך וויכטיקער — אַסאָנאַנסן, וועלכע זיינען, לויט דער פאָנעטישער סטרוקטור זייערער, ריין און פאַרשיידנאַרטיק. מיט פולע הויפּטוואַריאַציעס, וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן, טרעפן מיר זיך שוין אין דעמדאָזיקן בוך. נאָך אַ מאָל מוז אונטערגעשטריכט ווערן, אַז באַ דאָוויד האָפשטיינען איז דער אַסאָנאַנס ניט קיין עקספּערימענטאַטאָרישער פרואוו, נאָר אַן אָרגאַנישער, געוויינלעכער גראַם - מיטל. מע קאָן אַפילע זאָגן, אַז דער אַסאָנאַנס גייט אַריין אין האָפשטיינס דיכטערישן קאַנאָן. אין קוויטקאָס „טריט" וואַרפט זיך אויך אַמאָל - ווען דורך דער אַסאָנאַנס, און אויך אַן אָנקאַוואַנעסדיקער.

דעקאַנאָניזאַטאָרישע צילן שטעלט זיך מאַרקיש. זיינע „שוועלן" שניידן דעם אויער מיט פאַרשיידנערליי עקספּערימענטן. זיי זאָגן איידעס, אַז דער אַלטער פינקטלעכער גראַם קאָן ניט באַפרידיקן דעם נייעם דיכטער. די עקספּערימענטן ווערן געמאַכט איבער דעם אַזוי-גערופענעם צונויפגעזעצטן גראַם. מאַרקיש האָט ווי די אויפגאַבע רואינירן דעם נאָכבאַסאָנאַנסן מיטקלאַנג. דערווייל דריקט עס זיך אויס, דעריקער, אינם אומבאַסאָנאַנסן וואָקאַל.

דער באַשטאַנד - טייל פון מאַרקישעס צונויפגעזעצטן גראַם איז דער פּערסאָנאַלער פּראָנאָמען (איך, מיר, איר, ער, אים, דיר), דער הילף - ווערב (איז, האָט) דער אַד - ווערב (דאָ, דאָרט, שוין), דער פּרעפיקס (אָן, אויס, פון). אַמאָל זיינען די לעצטע פּרעפּאָזיציאָנען.

ביישפּילן: פעלדער — געלט דיר; שטומער — אַרום מיר; קלויסטער — ווייסט ער; פריילעך — באַפעל איך; באַשפּיי אים — לעכאַאים; רעגנס — וועג איז; אומעט — ברומט האָט; גרייטן — געשריי טאָן; צעכראַסטע — גאַסט דאָ; מענטשן — געוועזן שוין; פאַרשלאָסן — גאָס אָן; שלייעס — דריי אויס; הילף אָן — דול פון; פאַרשווייג עס — באַלאַלאַיקעס 1).

מאַרקיש באַציט זיך צו דעם אַרט גראַם גאַנץ באַוואוסטזיניק. אין דעם איבערצייגט אונז, די צאָל, וואָס וואַקסט נאָך מערער אויס אין „סטאַם", און אַזאַ בולעטער ביישפּיל, וועלכן מיר ברענגען דאָ.

קומען מיידלעך איר צו הילף אָן,

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווערט זי שוין צעמישט און דול פון
בחור'ס קומען. בחור'ס פליטה — 2)

קימאַט שטענדיק רייסט מאַרקיש דעם נאַטירלעכן סינטאַקסישן גאַנג. ער שלעפּט אַרויס דאָס וואָרט, וואָס איז אים נייטיק, אַלס באַשטאַנדטייל צום צונויפגעזעצטן גראַם, אין אינווערסיע נאָך דער צווייטער. אַדאַנק דעם פילט זיך אַ ספּעציפישע אָנגעצויגנקייט, וועלכע רופט אָפט אַרויס אַ שמייכל. אָבער פון דער צווייטער זייט ווענדט עס די אויפמערקזאַמקייט, און אין דעם אַליין איז שוין פאַראַן אַ מיטל פון אָפּגעוויינען איין פון דער אַלטער איינגעשטעלטער גראַם-פאָרם. די פאָנעטישע סטרוקטור פון ביידע ריפמירטע

---

1) אַלע ביישפּילן זיינען גענומען פון „שוועלן".

2) „שוועלן" ז. 140.

ווערטער איז אָבער אויך ניט שטענדיק דיזעלבע, וואָס אין פּינקטלעכן גראַם. אויב דער גראַם וויל ער — שטילער, איז פּאַנעטיש פּינקטלעך, אונטערשיידן זיך אָבער די אומבאַטאָנטע וואָקאַלן אין אַזוינע פאַלן, ווי זע נאָר — שפּענער; וועלדער — געפעלט דיר; אומעט — ברום האָט; פאַל איז — פאַלעס [1].

נאָך בולעטער איז צו זען די רעאַיזירונג פון פּינקטלעכן מיסקלאַנג, ווען דער אומבאַטאָנטער וואָקאַל פאַלט אינגאַנצן אַרויס אין איינעם פון די ריפּמירטע ווערטער: מענטשן — וועט שוין; ריס טון — בריסטן; ווילן — פיל אָן [2] (בײַ „שוין" „טון" „אָן" פאַלט אַרויס, קימאַט שטענדיק דער אומבאַטאָנטער וואָקאַל), צווייגן — פאַרביי גיין. ס'איז קלאָר, אַז דער צונויפגעזעצטער גראַם, וועלכער איז קימאַט שטענדיק אָנגעצווינגן אַדאַנק דעם אומנאַטירלעכן סינטאַקסישן גאַנג, און וועלכן ס'פאַלן ניט צוטיף אָדער פאַלן אינגאַנצן אַרויס די אומבאַטאָנטע וואָקאַלן, דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַר די ערשטע באַוואוסטזיניקע פרוואוון דעקאַנאָניזירן דעם אַלטן פּינקטלעכן גראַם [3].

מאַרקיש האָט געדארפט דורכטאָן אַ דעקאַנאָניזאַטאָרישע ארבעט אין „שוועלן", פאַרזעצן זי אין „סטאַם", קעדיי קומען אין דעמועלבן „סטאַם" צו עמעסע אַסאָנאַנסן („סטאַם" פאַרמאָגט שוין אַן ערעך 100 פאַרשיידענע אַסאָנאַנס-וואַריאַציעס). האָפשטיינס „בײַ וועגן" ווייסן ניט פון קיין באַוואוסטזיניקע עקספּערימענטן. די אַסאָנאַנסן, וועלכע איר טרעפט אין דעם בוך, וואַרפן זיך ניט אין די אויגן, איר פילט אַז זיי קיין שום „אומיסטן". ס'ווערן דערגרייכט געוואונשענע קלאַנגען-עפעקטן, ווייל זיי זיינען אָרגאַניש אויסגעוואַקסן פון באַדערפעניש פון ליד. פאַר האָפשטיינען איז דער אַסאָנאַנס פּינקט אַזוי באַרעכטיקט, ווי דער פּינקטלעכער גראַם. די יונגע דיכטער האָבן אויפגענומען דעם נייעם גראַם און זעצן פאָר א ווייטערדיקע פאַרטיפערטע ארבעט.

אַ פאָר געשיכטלעכע באַמערקונגען. און איצט וועלן מיר פרואוון אָנמערקן די פאַרשיידענע אסאָנאַנס-וואַריאַציעס, וואָס אונזער פערזוואָרט פאַרמאָגט שוין בײַ היינטיקן טאָג.

אויסאַרבעטן אַ קלאַסיפיקאַציע, וואָס זאָל דערפירט זיין צו א באַשטימטער שליימעס, איז בײַ היינטיקן טאָג שוין ניט מעגלעך דערפאַר, ווייל דער אסאָנאַנס איז געשאַפן געוואָרן אַף אונזערע אויגן און האַלט, אייגנטלעך, אין אויסאַרבעטן זיינע פאָרמעס, זיינע וואַריאַציעס. אָבער דאָך קאָנען אָנגעמערקט ווערן כאַראַקטעריסטישע וואַריאַציעס און גרופירט ווערן לויט פאַרשיידענע רובריקעס.

**I ס'ווערט אָפגעהאַקט:**

a) דער שלוס-קאנסאנאנט אין איינעם פון די ריפּמירטע ווערטער —
ליכט — איך; געשריי — שטיין; שפּיל — מילך.
קראָמען — נעשאָמע; געפעלן — עלנד; שטענדיק — פאַרענדיקט.
פאַרלאָרענע — וואָרענען; רעכענען — מעכענע.

b) א גרופּע שלוס-קאָנסאָנאַנטן אין איינעם פון די ריפּמירטע ווערטער:
געוויין — פאַרשווינקט.

---

1) „שוועלן".
2) „שוועלן".
3) אינטערעסאַנט איז, וואָס אין דער מאָדערנער דייטשישער ליריק, וועלכע, ווי באַוווּסט, האָט אין דעקאַדענטיזירן דעם פּינקטלעכן גראַם, ווערן ברייט באַניצט צונויפגעשטעלטע גראַמען. דאָס ווערט געטאָן אָפּן פאַר דעם פּינקטלעכע גראַמען. ביז אַהער פלעגן צונויפגעזעצטע גראַמען באַנוצט ווערן אין קאָמישע זאַכן.

c) דער שלוס-וואָקאַל אין איינעם פון די ריפּמירטע ווערטער:
בלייערנע — פּייערן.

II ס׳פּאַלן ניט צונויף:

a) די שלוס-קאָנסאָנאַנטן אין ביידע ריפּמירטע ווערטער:
שטיין — אַהיים; ברענט — מענטש;
ניגן — פליגל; לענדער — ווענדעט; נאַקן — וואַקלט;
ניגן — פאַריגלט.

b) די שלוס-קאָנסאָנאַנטן + דער אומבאַטאָנטער וואָקאַל פאַלט אַרויס:
שטאַרקער — מאַרקן; צאַרטער — גאַרטל; ראַנגל — קלאַנגען;
פליישן — ווייטאָק; צייטן — צייטיק; שרעקן — שטרעקט.

c) איינער פון דער גרופּע שלוס-קאָנסאָנאַנטן:
פאַרביטן — וויסן; וואָלקן — גאָלדן; הימנען — הימלען.

d) די שלוס-קלאַנגען — אין איין ריפּמירט וואָרט איז דער שלוס-קלאַנג אַ קאָנסאָנאַנט, אין צווייטן — אַ וואָקאַל:
וויינען — פלייצע; מוזע — מזן; מונטערן — ווינטערן; באַוואוסטיקן — מיסטיקע.

III ס׳פאַלט אַרויס:

a) איינער פון די שלוס-קאָנסאָנאַנטן:
געלעכטער — נעכט.

b) אַ קאָנסאָנאַנט פון מיט וואָרט:
טעמפּלען — נעפלען; העלער — פעלדער; פענצטער — לעצטער;
ריטעלען — שיטערלעך.

IV אַ גאַנצע גרופּע שלוס-קלאַנגען (אָפט, דער גאַנצער שלוס-טראַף) פאַלן ניט צונויף אין ביידע ריפּמירטע ווערטער:
עלטער — געוועלטיקט; ליידן — שייד-וועג; ווענט דאָ — פענצטער; דריטער — ווייסט ניט; האַלב נאַכט — געוואַלבט דיך[1].

די קלאַסיפיקאַציע ווייזט, אַז אונדזער פערזוואָרט פאַרמאָגט שוין בײַ היינטיקן טאָג אַ פילצאָליקע רייכע פאַרשיידענע אַסאָנאַנס-וואַריאַציעס. איניקע פון זיי זיינען ברייט פאַרשפּרייט, אַנדערע טרעפן זיך זעלטענער.

אַמיינסטן זיינען פאַרשפּרייט: גרופּע I — וואַריאַציע a; גרופּע II — a, b, d; גרופּע IV, וואָס ווערט אַלץ אָפטער פּראַקטיקירט.

די גרופּע IV שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּליצירטע וואַריאַציע, אין וועלכער ס׳באַגעגענען זיך איינצייטיק פאַרשיידענע וואַריאַציעס, פון די ערשטע דריי גרופּעס. די גרופּע IV ווערט, דעריקער, פּראַקטיקירט איבער דעם צונויפגעוועצטן גראַם. די מערהייט ביישפּילן ווייזט אונז, אַז ביידע אַסאָנאַנסן, אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, איינער פון זיי, איז צומייסטן צונויפגעזעצט פון צוויי ווערטער. קיין קלאַל איז עס אָבער ניט. אַזאַ אַסאַנאַנס, ווי עלטער — געוועלטיקט, איז ניט פון די זעלטענע פאַלן.

---

1) די ביישפּילן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר אַלע IV גרופּעס און זייערע וואַריאַציעס, זיינען גענומען פון קאָנטראַסט ל דער.

מעטנייש איז דער אַסאָנאַנס. אין דער מערהייט, אַ ווייבלעכע פּערז-ענדונג. ווינציקער טרעפט מען מענלעכע, נאָך ווינציקער דאַקטילישע אַסאָנאַנסן [1].

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דער פאָלק-ליד טרעפן זיך איינציקע וואַריאַציעס אָפּטער אין דער מענלעכער פאָרם, אָפּענירן דערוויל אונזערע פּאָעטן, דעריקער מיטן ווייבלעכן אסאָנאַנס (ס׳האַנדלט זיך וועגן דער וואַריאַציע a גרופּע II).

ס׳מוז אונטערגעשטריכט ווערן, אַז דער אַסאָנאַנס דערגרייכט זיין פולע שליימעס אין די פאַלן, ווען דער שלוס-קלאַנג (אָדער קלאַנגען) פון איין ריפמירט וואָרט קאָן ניט דינען פאַר א פאָרמעלן עלעמענט פון צווייטן ריפמידטן וואָרט, און פאַרקערט.

ס׳איז צו זען, אַז דער אַסאָנאַנס פאַרברייטערט דעם שעטעך פון די ריפמיר-מעגלעכקייטן. ער פאַרמערט די צאָל מעגלעכע מיסקלאַנג-צוגענג הען פּאָעטיש, הען מאָרפאָלאָגיש, הען לעקסיש.

מע דאַרף באַמערקן אַ וויכטיקע פראַגע, וואָס שוימט ארויף בעשאַס מע באַטראַכט די פּאָעטישע סטרוקטור פונם אסאָנאַנס:

מיט וואָס זשע, אייגנטלעך, ווערט קאָמפּענסירט דער רואינירטער גליין-קלאַנג און דערנאָך באַטאָנטער טייל? אַף דער פראַגע, האָבאָם ס׳איז פרי נאָך, לרינט זיך אָפּשטעלן. וואַלערי בריוסאָוו דענקט, אַז אין רוסישן ווערט די קאָמפּענסאַציע געגעבן אין דער פאַרבאַטאָנטער טייל פון וואָרט, וועלכע שטרעבט צום גלייכקלאַנג. ער שרייבט: „די פריערדיקע פּאָעטן האָבן געזוכט דעם ענלעכן גלייכקלאַנג אין סאָף וואָרט, אָנהייבנדיק פון באַטאָנטן וואָקאַל. די נייע פּאָעטן האָבן געזען, אַז אן ענלעכער גלייכקלאַנג קאָן דערגרייכט ווערן אַף אַן אַנדער אויפן. אין דעם הינזיכט האָבן זיי אונטערגעשטראָכן, פריער פאַר אלץ, די באַטייטונג פון דעם אָנשפּאַר-קאָנסאָנאַנס (דעם קאָנסאָנאַנס, וואָס שטייט פאַר דעם באַטאָנטן וואָקאַל), ווייטער פון די טראַפן, וואָס קומען פאַר דעם באַטאָנטן. לעסאָף, די באַטייטונג פון דער אַלגעמיינער וואָרט-בויאונג, אַפילו אומאָפּהענגיק פון די ענדונגען“ [2]. אַזוי איז אין רוסיש, וואו דער טראָפ איז אומרעגלמעסיק.

אידיש אָבער, פונקט ווי דייטש, האָט דעם נאַטירלעכן טראָפ. מייסטנס פאַלט ער אַפן ערשטן טראַף. ניט אומזיסט האָט דער דייטשישער קלאַסיקער קאַנאָן קיינמאָל ניט געפאָדערט פונם פינקטלעכן גראַם, אַז דער Consonne d'appui (אָנשפאַר-קאָנסאָנאַנס) זאָל אומבאַדינגט צונויפאַלן אין ביידע ריפמירטע ווערטער. אונטערן באַגריף רייכער גראַם (rimereiche) פאַרשטייען די דייטשישע גראַם-טעאָרעטיקער גאָר עפּעס אַנדערש, ווי די פראַנצויזישע אָדער רוסישע [3]. די טעאָריע פון אידישן גראַם דאַרף אָריענטירט ווערן אַף דער דייטשישער, אָבער בעשום-אויפן ניט אַף דער פראַנצויזישער אָדער רוסישער.

אַף וויפל דער אידישער פינקטלעכער גראַם קאָן ניט פאַרבינדן ווערן מיט דעם באַגריף פון Consonne d'appui, ווערט קלאָר, אַז קאָמפּענסירן דעם רואינירטן גלייכקלאַנג אין דערנאָך באַטאָנטער טייל וועט ניט ער, נאָר גיכער פאַר אלץ — די ענלעכע פּאָעטישע סטרוקטור פון ביידע ריפמירטע ווערטער. אַזוי דוכט זיך. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אסאַנאַנס וועט עס באַווייזן.

---

1) האָבאָם ניט די דאַקטילישע, נאָר דאָס, אַז די מענלעכע פּערז-ענדונג ווייזט ארויס פאַר איינציקע וואַריאַציעס א נאַטירלעכן פאָנעטיקן רעזולטאַט. (זעט דער וואַריאַציע b גרופּע II אין אויסגעשלאָסן די מענלעכע פּערז-ענדונג. ס׳איז קלאָר: דער אומבאַטאָנטער וואָקאַל איז נאָך דער אָרגאַניזאַטאָר פונם אומבאַטאָנטן טראָף).

2) Валерий Брюсов. О рифме. Печать и революция, 1924 г. Книга первая, Стр. 117.

3) Dr. Ernst. Kleinpaul. Poetik, Dritter Abschnitt — Der Reim § 96–97.

און עפשער גייען מיר גאָר צו דיסאָנירנדיקער מוזיק אין דער פּערז-ענדונג? גיכער פאַר אלץ איז עס אזוי.

ווי ס'זאָל ניט זיין, די קאָמפּענסאַציע פונם נייעם גראַם איז ברייט און טיף אין אלע הינזיכטן. דער אלטער פינקטלעכער גראַם האָט זיך, סאָפּקאָלסאָף, אויסגעשעפּט. פאָלק-דיכטונג, — עלטערע ליטעראַטור, — באַרכאָנים, נייע דיכטונג — אין מעשעך פון אזויפיל יאָרן איז דער פינקטלעכער גראַם געווען דער איינציקער גראַם-מיטל. ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס ער איז געוואָרן דערעסן (סאָפּקאָלסאָף איז אין יעדער שפּראַך פאַראַן א באַגרעניצטע צאָל פינקטלעכע גראַמען) ער באַפרידיקט מער ניט דעם מאָדערנעם דיכטער, ער ווירקט ניט אַפן לייענער.

אַפילע ניידווסעס עקזאָטישע גראַמען זאָגן אידעס, אז מע מוז געפונען נייע קוואָלן פונוואַנען צו שעפּן. מאַרקיש איז אַ גוטער באַווייז, אַז דער אלטער גראַם האָט זיך אָפּגעטראָגן, נאָך א בעסערער באַוויז איז דער שנעל-גיכער וואוקס פונם נייעם.

אַ קורצער צייט-דורכלויף, היסטאָריש, מאַמעש, א נישטיקער — און דער נייער גראַם האָט אָפּגעהאַלטן א פעסטן ניצאָכן. ס'דאַרף, פאַרשטיים זיך, נישט אָפּגעלייקנט ווערן די ווירקונג פון דער רוסישער פּאָעזיע. נאָר סאַקע דערפאַר האָט זי ווירקן געקאָנט, נאָר דערפאַר איז מעגלעך געווען דאָס שנעלע איינפלאַנצן און דער גיכער אויפבלי, ווייל דער באָדן פון דער אידישער פּערז-טעכניק האָט עס געפאָדערט.

דער אידישער פערז, וואָס האָט האַסטיק געביטן זיינע פאָרמען, האָט אויך אריינגעבראַכט די נייע גראַם-פאָרם — דעם אַסאָנאַנס, וועלכער פאַרברייטערט דעם שעכעך פון נייע גיפמיר-מעגלעכקייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז ווייסע פערזן (גאר אָן גראַמען) האָבן שוין לאַנג בירגער-רעכט אין דער אידישער פּאָעזיע. אָבער דאָס איז דערווייל נאָר אַף די בייוועגן פון דער אידישער מאָדערנער דיכטונג.

אַף דעם ברייטן טראַקט אירן פילט זיך א באַדערפעניש אין אייפּאָנישע מיטלען, און איינער פון די מיטלען איז די באַרייכערונג פון דעם מיטקלאַנג אין סאָף פּערז-שורע — דער ניטפינקטלעכער גראַם.